ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתע"ח
פרשת כי תשא - פורים
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' שעט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ז"ל** סופר סת"ם

## עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי

עס איז געווען אין די בראשית יארן אין אמעריקע, ווען דער **רבי כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה** האט געענדיגט ליינען די מגילה פורים בייטאג, עס איז שוין געווען אין די נאכמיטאג שעה'ן, זאגט מיר הרה"ח ר' בערל אמסעל ע"ה - וועלכער איז געווען פון די נאנטע מקורבים לבית סיגעט-סאטמאר מקדמת דנא - 'קום מיט מיר צום רבי'ן אהיים, איך גיי אנציעהן דעם רבי'ן'...

זיי זענען אריבער צום רבי'נס שטוב, און מ'האט געווארט אז דער רבי זאל אנקומען אהיים, ווי נאר דער רבי קומט אן אין שטוב זאגט ר' בערל "דער רבי האט היינט געמאכט א טעות אין די מגילה"...

דער רבי קוקט אים אן פארוואונדערט "וואס פארא טעות האב איך געמאכט?!".

זאגט רבי בערל "דער רבי האט געזאגט '**ויתלו את מרדכי**' אנשטאט 'ויתלו את המן"...

דער רבי פרעגט אים איבער "אזוי האב איך געזאגט?! פארוואס האט מען נישט אריינגעשריגן?!".

זאגט ר' בערל "דער עולם קלערט אז דער רבי האט אזוי געזאגט מסתמא איז דא א העכערע כוונה דערביי".

נאך א קורצע ווילע האט דער רבי געכאפט זיין כונה אז אזוי שטייט טאקע אין די מגילה (ה' יד) "**יעשו עץ גבוה חמשים אמה, ובבקר אמר למלך 'ויתלו את מרדכי' עליו**".

האט רבי בערל געזאגט פארן רבי'ן "איך האב שוין געמאכט דאס ווערטל אויך פארן ברודער דער עצי חיים, ער האט דאס שנעלער געכאפט...

ז' שפ) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרב בנש"ק ר' אלי' גרויס שליט"א** מבערבעשט

## דאס ווײדל פון ושתי מדה כנגד מדה...

עס איז געווען בשנת תשל"ז, ווען פורים איז אויסגעפאלן פרייטאג, בין איך געגאנגען פרייטאג צונאכטס צום טיש פון **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**, אין סיגוטער ביהמ"ד אין בארא פארק.

כמובן איז געווען בדיחא דעתי', אינמיטן טיש האט דער רבי געזאגט מיט א צהלת פנים אז די גמרא זאגט אין מס' מגילה (דף י"ב ע"ב) אז ושתי איז נענש געווארן, זי האט באקומען א ווײדל, ווייל זי האט געארבעט מיט אידישע טעכטער אין שבת קודש. לכאורה וואס איז די מידה כנגד מידה, ווייל זי האט געארבעט מיט אידישע טעכטער שבת האט זי באקומען א ווײדל?

נאר 'שמירת שבת קודש' איז אן עדות אויף בריאת שמים וארץ, אז זי האט מחלל שבת געווען מיט אידישע טעכטער, מיינט אז זי האט כופר געווען אינעם יסוד פון '**בראשית ברא אלקים, ויכולו השמים והארץ וכל צבאם**', נאר זי האט אנגענומען די פארקרומטע מיינונג פון די אפיקורסים אז די בריאה האט זיך אנטוויקלט פון זיך אליין, און דער מענטש איז מתחילת ברייתו געווען א מאלפע, און במשך הדורות האט זיך צוביסלעך אנטוויקלט פון די מאלפעס איז שפעטער געווארן א מענטשליכע ברי'.

דער רבי האט אויסגעשמועסט בדרך ליצנותא דע"ז "זיי זאגן אז מ'האט אפגעשניטן די ווײדלעך פון די מאלפעס, זענען געבוירן געווארן מענטשן, לפי זה, אויב וועט מען איינעם ח"ו אפשניידן א האנט וועלן געבוירן ווערן קינדער אן קיין האנט?!"...

האט ער אויסגעפירט "אבער אז ושתי האט געגלייבט אין די שיטה, איז זי נענש געווארן מדה כנגד מדה, און עס קומט איר מיט רעכט א ווײדל ווי א מאלפע... (יואל רובין, מנחם מענדל רובין, שמואל רובין)

ז' שפא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## ימי הפורים ביי כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה

איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן די עבודת היום און די טישן אין די הייליגע ימי הפורים בצל קדשו פון **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**, במשך אלע יארן אנגעהויבן פון תש"כ, ביז שנת תשכ"ח, ווען דער רבי האט ליידער מער נישט געפירט קיין טישן.

### קריאת המגילה

א. איך האב בר מצוה געהאט אנהויב ווינטער תש"כ.

יענעם פורים תש"כ אינדערפרי, האב איך זיך צוגעשטופט נעבן דעם רבי'ן ביי קריאת המגילה, איך בין ארויף אויפן באלעמער און געשטאנען הארט נעבן רבי'ן ביי די גאנצע מגילה ליינען.

פון דאן האב איך אנגעהאלטן די 'חזקה' ווייטער במשך מיינע ימי הבחרות.

דאס האט געקענט פאסירן ווייל בייטאג איז געווען א קלענערער עולם אין ביהמ"ד, צוליב וואס דער רבי האט געדאווענט זייער שפעט אין טאג, און רוב בחורים זענען געגאנגען נאך געלט, ווייל דער רבי האט דאס שטארק פארלאנגט פון די בחורים צו גיין נאך געלט פורים.

אין משך פון די יארן פלעג איך הערן די מגילה ליינען ביינאכט ביים סיגעטער רב – **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה** – און בייטאג האב איך געדאווענט ביים רבי'ן, און אפילו אריינגעקוקט אינעם רבי'נס מגילה ביים ליינען.

ב. דער רבי פלעגט פארן מגילה ליינען אראפנעמען די רצועות פון תפילין דרבינו תם פון די פינגער, און ארויפגעדרייט אויפן ארעם. במשך די קריאת המגילה האט דער רבי מערערע מאל זיך אפגעשטעלט און מהדק געווען די תפילין של ראש, און איינגעטונקן די הענט אין א טעפל וואסער (די 'האלבע') כדרכו בקודש.

מיר האבן פארשטאנען אז דער רבי האט לכתחילה נישט ארויפגעלייגט די רצועות פונעם פס היד ביי די גאנצע מגילה ליינען, כדי נישט מפסיק צו זיין אינמיטן מגילה ליינען מיטן איינטונקען די הענט אין וואסער נאכן מהדק זיין דעם של ראש, ווייל געווענליך ביים דאווענען ווען ער האט מהדק געווען די תפילין של ראש האט ער אראפגענומען די רצועות און איינגעטונקען די הענט און דערנאך צוריק ארויפגעדרייט, וואס דאס איז געווען א גאנצע אריכות.

ג. ווען דער רבי האט געליינט די ווערטער "**ויכתב בספר דברי הימים לפני המלך**", פלעגט דער רבי אויספירן מיטן טעם העליון ווי עס איז דער נוסח פון ראש השנה, ביי '**המלך**'....

ד. ביי '**וכלים מכלים שונים**' האט מען כמעט נישט געהערט אז דאס זאל זיין מיטן ניגון פון '**איכה**', אולי א תנועה קלה איז געווען ענליך.

ה. ווען דער רבי האט געליינט די '**עשרת בני המן**' האט ער געטייטלט אינעווייניג אין די מגילה, עס האט אויסגעזעהן ווי דער רבי וויל זיכער מאכן אז ער ליינט יעדע '**ואת**' פון די זעלבע שורה ווי דער נאמען פון די בני המן אויף וואס ער באציהט זיך יעצט, ווי מ'האט געקענט הערן אז ער האט מער מדגיש געווען די '**ואת**' ווי די נעמען פון די בני המן. צוליב דעם האט דער רבי טאקע נישט מצליח געווען אלעמאל צו קענען זאגן אלע צעהן נעמען בנשימה אחת.

ו. דער רבי האט צוזאמען געכאפט די ווערטער "**כי נפל תיפול לפניו, עודם...**", און דערנאך געזאגט ווייטער דעם צווייטן פסוק "**מדברים עמו**", מיר האבן געהאט אן הרגשה אז דער רבי זוכט צו ממשיך זיין דעם '**נפל תיפול לפניו**' עד היום אז עס זאל זיין '**עודם**', עד היום הזה זאל די קליפה פאלן פאר די קדושה.

### משלוח מנות

ז. אין מיין ערשטן יאר שנת תש"כ, גלייך נאכן מגילה לייגן - עס איז שוין געווען שפעט אויפן טאג - קומט צו צו מיר דער הויז-בחור הרה"ח ר' וואלף כ"ץ ע"ה, און ער זאגט מיר

נתנדב ע"י הרה"ח ר' יואל האלפערט הי"ו • לרגל שמחת הכנסת ספר תורה של חדב"נ הגה"צ רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א • שושן פורים תשפ"ה

״קום אהער בחור״ל, דער רבי זוכט א שליח מיט וועמען צו שיקן משלוח מנות, זוך אויף נאך א בחור און קום אריין צום רבי׳ן האלב זעקס (5:30) נאכמיטאג, פאר דער רבי שטעלט זיך דאווענען מנחה״.

איך בין ארויסגעגאנגען זוכן נאך א בחור, איך האב געטראפן מו״ה בנימין הירש הי״ו ב״ר אברהם אבא ע״ה. צו די באשטימטע צייט קומען מיר אריין צום רבי׳ן אין צימער, דער רבי האט געפרעגט אונזערע נעמען, און די נעמען פון די טאטעס, ווען איך האב געזאגט מיין טאטעס נאמען האט דער רבי געזאגט ״אה, רבי ישראל בער שוחט, נו...״ - דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צו הרה״ח רבי עזריאל גליק ע״ה וועלכער איז דארט געווען און אים געזאגט בדרך צחות - ״עזריאל, ביסטו דאך א קרוב, זבח משפחה״... ווייל זיי זענען ביידע געווען שוחטים.

דער רבי האט אונז איבערגעגעבן משלוח מנות צו טראגן פאר עטליכע רבנים פון ווילאמסבורג, די משלוח מנות איז געווען א רינדעכיגע טארט (קעיק) און דערויף איז געווען א סלייס געפילטע פיש איינגעפאקט אין זילבער פעפער, מיט א שמאלע באטל וויין.

ביי די משלוח מנות פארן סיגעטער רב, איז אויך געווען צוגעלייגט א קאנווערט מיט געלט. איך געדענק ווי צוויי מאל במשך די יארן, האט מיר דער רבי אנגעזאגט ״זאלסט נישט אויפטוישן, דאס גייט פארן סיגעטער רב״...

דער הויז בחור האט גערופן א טעקסי און געגעבן די אדרעסן, לויט ווי דער רבי האט אים געהייסן, און מיר זענען ארומגעפארן טראגן די משלוח מנות.

אזוי האט דאס אנגעהאלטן דריי יאר, במשך שנות תש״כ, כ״א, כ״ב.

ח. עס איז געקומען שנת תשכ״ג, האב איך געזעהן אז אויב איך וויל מיטהאלטן דעם פורים טיש, קען דאס נישט גיין אינאיינעם מיטן טראגן משלוח מנות, ווייל דער רבי האט געשיקט משלוח מנות ממש פארן דאווענען מנחה, און דערנאך גלייך געפראווועט דעם טיש אין קליינעם ביהמ״ד אונטער זיין דירה, און מ׳האט געדארפט כאפן א פלאץ פון פריער, ווייל עס האבן זיך דארט אריינגעשטופט אזא ציבור, אז עס איז געווען סכנת נפשות, האב איך געוואלט אויפגעבן דאס ארומטראגן די משלוח מנות כדי צו קענען מיטהאלטן דעם הייליגן טיש.

האט מיך רבי עזריאל געפרעגט ״ווער וועט דאס איבערנעמען אנשטאט דיר?״, האב איך געזאגט ״אייער זון יושע״. ער האט עס אנגענומען, און יענעם יאר זענען געווען די שלוחים ר׳ בנימין הירש מיט ר׳ יושע גליק.

ט. א יאר דערויף תשכ״ד, איז דער רבי נישט געזונט געווען ער איז געלעגן אין בעט מיט א שווערן מסוכנ׳דיגן רויז. יענעם פורים איז דער רבי נישט אריינגעקומען אין ביהמ״ד צו קריאת המגילה, און ער האט נישט געפירט טיש. בין איך געקומען בעטן אז איך וויל טראגן די משלוח מנות, ר׳ עזריאל האט אבער געזאגט אז איך האב שוין מוותר געווען אויף מיין חזקה און עס זענען שוין דא שלוחים, עס איז געווארן א וויכוח, איך האב גע׳טענה׳עט אז איך האב נאר אויפגעגעבן מיין חזקה ווייל כ׳האב געוואלט זיין ביים טיש, אבער יעצט אז עס איז נישטא קיין טיש, וויל איך כאטש טראגן דעם רבי׳נס משלוח מנות״.

דעמאלטס איז פארן רבי׳ן אנגעקומען זייער שווער יעדע טירחא, האב מען נאר געהאט צוגעגרייט צוויי משלוח מנות צו שיקן, האב איך געבעטן פון ר׳ עזריאל, אז ער זאל לאזן גיין דריי בחורים אינאיינעם וואס זאלן זיין דעם רבי׳נס שלוחים, רבי עזריאל האט איינגעוויליגט, און לכבוד מיין בקשה האט מען צוגעשטעלט דריי משלוח מנות.

מיר האבן געווארט ביז ענדליך האט מען אונז אריינגערופן צום רבי׳ן, אלע דריי בחורים, דער רבי איז געלעגן אין גאר א שווערן מצב באין אונים אויף א שפיטאל בעט, די פיס אין דער הייך, אנעם שטריימל.

ר׳ עזריאל גליק זאגט פארן רבי׳ן ״רבי, מ׳גייט טראגן משלוח מנות״.

זאגט דער רבי ״געב מיר דעם שטריימל״, דער רבי האט דאס אנגעטון אויפן קאפ, און ער האט אנגעהויבן זאגן דעם ׳לשם יחוד׳ מיט א ברען - אין די געזונטע יארן האב איך קיינמאל נישט געזעהן דעם רבי׳ן זאגן קיין ׳לשם יחוד׳, אדער האט ער דאס געזאגט בעפאר, אדער האט ער שוין עוסק געווען במחשבתו הטהורה - אבער יענעם יאר האט דער רבי אויפגעציטערט, ער האט אנגעטון דעם שטריימל און געזאגט דעם ׳לשם יחוד׳. ווען ער האט געענדיגט דעם לשם יחוד האט ער אפגעאטעמט, מיט די זעלבע סארט תנועה ווי ווען ער האט געזאגט ׳אחד׳ ביי קריאת שמע כידוע, און ער האט אונז איבערגעגעבן די משלוח מנות, נישט זאגנדיג קיין שום איבריג ווארט.

איך האב שפעטער געזעהן אין ספה״ק אמרי נועם, אז ״**מנות איש לרעהו**״ איז בגימטריא ״**שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד**״... חושבנא דידן כחושבנא דדין. אויך שטייט אין קדושת לוי אז השי״ת גיבט משלוח מנות פאר אידן, וד״ב.

## <u>משתה היין טיש</u>

י. דער משתה היין טיש, איז בכלל נישט מעגליך אין ווערטער צו איבערגעבן וואס דארט האט זיך אפגעטוהן, דער קורצער טיש פון קוים א שעה, איז געווען אזא אור וואס האט געברענט א גאנץ יאר.

כ׳וועל נאר דערציילן אביסל זכרונות וואס ליגט מיר אין זכרון עד היום הזה.

מיין מקום קבוע ביי די הייליגע טישן - בימי בחרותי, און אויך נאך די חתונה - איז געווען אונטערן טיש, ממש נעבן דעם רבי׳ן, אזוי אז כ׳האב זוכה געווען צו קענען זיין א ׳מציץ מן החרכים׳ און באטראכטן זיין הייליגע צורה ביי די געהויבענע טישן, און מיטהאלטן פון גאר נאנט די עבודת הקודש כטוב לב המלך ביין.

עס איז נישט שייך אראפצוגעבן די עבודה וואס האט זיך דארט אפגעטוהן, בשעת ווען דער רבי האט געטרינקען וויין איז די גאנצע צייט געפלאסן נחלי דמעות פון זיינע הייליגע אויגן, און אזוי האט ער משמיע געווען די הייליגע דברי תורה.

געוועהנליך ווען דער רבי האט געפירט טיש אין קליינעם בית המדרש זענען די טישן געווען אויסגעשטעלט ווי א ח׳, אבער יעצט צוליב דעם ריבוי עם און די געדרענג, האט מען צוזאמען גערוקט די צוויי טישן פונעם ח׳ אינגאנצן ביזן מזרח וואנט, אזוי אויך איז דער גאנצער ביהמ״ד געווען אויסגעליידיגט פון בענק כדי דער ציבור זאל האבן פלאץ, און דער רבי איז געזעסן אויבן אן מיטן רוקן צום פענסטער פון בעדפארד עוו. אזוי איז דער עולם ארויף געפאלן און זיך געשטופט אויפן טיש ארויף, און ס׳האט זיך געהאלטן.

אונטערן רבי׳ן איז געווען איין פענסטער צו בעדפארד עוו. צו די לינקע האנט פון רבי׳ן איז געווען נאך א פענסטער צו קליימער סט. אינעם חלל פונעם פענסטער איז שוין געווען ׳חזקות׳ ווער עס זיצט דארט ביים פורים טיש. ביים פענסטער אונטער׳ן רבי׳ן זענען געזעסן ר׳ סענדער דייטש ע״ה, ר׳ יואל קליין ע״ה, און ר׳ עזריאל גליק ע״ה משב״ק, ביים אנדערן פענסטער צו די זייט פון רבי׳ן, זענען אויך געווען דריי אידן וועלכע האבן געהאט חזקה צו זיצן אינעם חלל פון פענסטער.

ווען דער רבי איז נאך געווען אין שטיבל נעבן בית המדרש, האט ער איבער געגעבן די משלוח מנות פאר די בחורים וועלכע האבן דאס געטראגן צו די רבנים כנ״ל.

יא. דערנאך איז דער רבי ארויסגעקומען פון שטיבל דאווענען מנחה דארט אין ביהמ״ד, דאן איז ער צוגעגאנגען צום טיש און זיך געוואשן נטילת ידים.

ווי געזאגט האב איך געהאט מיין מקום קבוע אונטער׳ן טיש ממש נעבן רבי׳ן, ממילא האב איך געהאט די זכי׳ צו קוקן די גאנצע צייט און נישט אראפנעמען אן אויג פון זיין הייליגע צורה, וועלכע האט געברענט ווי פייער במשך דעם גאנצן טיש.

דער רבי האט זיך געוואשן און געגעסן חלה, און גלייך דערנאך די פיש, ביי די פיש איז שוין געווען גערינגען טרערן פון זיינע הייליגע אויגן, דאן האט ער געטיילט שיריים, מיר אלע אונטערן טיש האבן ארויסגעשטעקט די הענט צום רבי׳ן, און דער רבי האט אונז אלע געגעבן שיריים.

דערנאך האט הרה״ח ר׳ אברהם ווערצבערגער ז״ל זיך אויפגעשטעלט אויפן טיש און אנגעהויבן גראמען דברי התעוררות, דער רבי האט אים ארויסגעהערט גאר ערנסט און דער פחד אין ביהמ״ד איז געווען גאר שטארק. דערנאך האט הרה״ח ר׳ אברהם שלום עפשטיין ע״ה אנגעגאסן דעם כוס וויין פאר׳ן רבי׳ן, און ווען דער רבי האט אויסגעטרינקען האט ער עס אנגעפולט נאכאמאל, אזוי האט ער כסדר אנגעפולט דעם כוס עטליכע מאל וויפיל דער רבי האט געטרינקען, און בשעת׳ן טרינקען האט געפלאסן טרערן פון רבי׳נס הייליגע אויגן.

אין די צייט וואס דער רבי האט געטרינקען די כוסות וויין האבן זיך אלץ צוגעשטופט אידן מרי נפש וועלכע האבן איינגעריסן און געבעטן אין דעם געוואלדיגן עת רצון געהאלפן צו ווערן. איך געדענק איין איד איז דארט געשטאנען און געוויינט צום רבי׳ן אז ער דארף א ישועה אויף קינדער, דער רבי האט מיט אים מיטגעוויינט און געשריגן ״**גאנץ כלל ישראל דארף א ישועה**״.

יב. ביי די תורה האט זיך דער רבי געווארפן אויף אן אויסטערלישן שטייגער, ער האט זיך געשאקלט פונעם בענקל ביזן טיש ארויף און אראפ, ווי אויך פון מזרח צו מערב אהין און צוריק, ווען דער גאנצער גוף קדוש קאכט און שטורעמט, אינמיטן האט ער צוגעדרוקט ביידע הענט צום הארץ מיט פארמאכטע פויסטן און דערנאך עס ברייט צושפרייט, אזוי האט דער רבי געטוהן עטליכע מאל בשעת די תורה.

די הייליגע דברי תורה בעצם זענען געווען העכערע סארט תורות ווי ער האט געזאגט א גאנץ יאר, ער האט זיך נישט אזוי שטארק געקענט באהאלטן. אינמיטן די תורה האט ער כמה פעמים געוויינט מיט בכיות און א רגע דערויף ממש געלאכט פאר שמחה, אזוי איז ער געשפרינגען פון בכי׳ צו שמחה עטליכע מאל אינמיטן רעדן.

ולעילו נשמת זקנו הרה״ח ר׳ **דוב** ב״ר **שלום** (האלפערט) **ע״ה** היארצייט ח״י אדר • **וזוג׳ מרת לאה ב״ר דוד יודא ע״ה** היארצייט י״ד אדר

יג. גלייך נאך די תורה האט דער רבי אליינס אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון וואס מ׳זינגט געוועגליך מוצאי שבת אויף ׳איש חסיד הי׳... דאן איז געווארן אזעלכע שטארקע ריקודין, אז ס׳איז געוועגן ויניעו אמות הסיפים.

נאך עטליכע מינוט האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און זיך אנגעלאנט אויף צוויי מענטשן, איין זייט איז געווען הרה״ח ר׳ אלי׳ דוד טירנויער ע״ה און פון די צווייטע זייט הרה״ח ר׳ אברהם שלום עפשטיין ע״ה.

דער רבי האט זיך ארויפגעלייגט אויף זיי, און זיי האבן אנגעהויבן ארויסגיין פון טיש, עס איז געווען גאר שווער זיך אדורך צורייסן דעם שווערן געדרענג, ביז זיי האבן אים ארויפגעשלעפט אויבן אין די דירה, און אים אראפ געלייגט אויפן קאוטש זיך אפרוהען.

(נאר צוויי מאל אין יאר האט דער רבי זיך אזוי אנגעלענט אויף אנדערע, איינמאל פורים ביים ארויסגיין פון די סעודה, און דאס צווייטע מאל סוכות ביים ארויסגיין פון די סוכה. כ׳האב געטראכט אז בייביידע מאל איז עס געווען א מציאות אז ער האט נישט געוואלט ארויסגיין, דא פורים האט ער אפילו נישט געהאט קיין כח ארויסצוגיין, אבער איז דאך געווען אינמיטן א סעודה וואס עפ״י הלכה טאר מען נישט ארויסגיין, און דארט מחמת חביבות מצות סוכה, און דאס אנלאנען אויף אנדערע ווייזט אז ער וויל נישט גיין נאר מ׳שלעפט אים מיט געוואלד).

אבער אונטן אין ביהמ״ד איז דער גאנצער עולם געבליבן זקנים עם נערים, און מ׳האט געטאנצן און געשפרינגען אויף אן אומבאשרייבליכן אופן, מ׳האט אריינגעקראכט איינער אין צווייטן און מ׳איז געשפרינגען ביזן דאך, ס׳איז געווען שרעקליכע פורים׳דיגע קולות, ביז בערך 10–15 מינוט איז מען אראפגעקומען פון רבי׳נס דירה, בעטן אז דער עולם זאל אויפהערן טאנצן, ווייל דער רבי דארף מנוחה, דאן איז דער עולם זיך צוגאנגען.

יד. בערך צוויי שעה שפעטער איז דער רבי צוריק אראפגעקומען צום טיש, דאן איז שוין געווען דער טיש צוריק אויסגעשטעלט ווי א ח׳ אזוי ווי אלע יום טוב׳דיגע טישן.

עס זענען געווען חשוב׳ע רבני העיר וואס האבן זיך משתתף געווען ביים טיש, עס איז שוין געווען א רואיגע אטמאספערע אבער גאר פרייליך, דער רבי האט געשיינט פון שמחה ס׳איז געווען בדיחא דעתי׳. ביי דעם טיש האט ער ממשיך געווען די סעודה, מ׳האט געגעבן זופ, און געשטעלט ׳ביר׳, דערנאך האט מען געגעבן ׳קרויט׳, און דער רבי האט מכבד געווען צו זינגען ׳אשר הניא׳.

דעמאלט האבן בדחנים משמח געווען, געוועגליך הרה״ח ר׳ מאיר דים ע״ה, און הרה״ח ר׳ ישראל דוד ווייס ע״ה. נאכדעם האט דער רבי געהייסן טאנצן א רקידה ארום דעם טיש, דערנאך האט מען געבענטשט און גדאווענט מעריב.

ז׳ שפב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה״ג ר׳ יעקב ווייס שליט״א** רב ביהמ״ד ישמח משה מאנסי

## צדיקים חביב עליהם ממונם

איין יאר פורים ווען **רביה״ק בעל ברך משה זלה״ה** האט אויפגענומען דעם ציבור בפתקא ופדיון, עס איז אדורך א גרויסער עולם זיך צו פראווענען אין אזא דערהויבענעם טאג, צום סוף איז אריינגעקומען דער משב״ק און געהאלפן דעם רבי׳ן מסדר זיין די קוויטלעך מיט די פדיונות.

אינצווישן ווייזט דער גבאי פארן רבי׳ן אז עס דא איז דא א קוויטל פון א היימישן נגיד און איש מכובד, מיט א פדיון פון א טשעק פון 1000 דאלער, ער האט געוואלט מרמז זיין אז דער רבי זאל אכטונג געבן דערויף.

דער רבי האט זיך אביסל צובייזערט אויף אים, און ער הייבט אן רוקן די קוויטלעך אהער און אהין, ער זוכט עפעס ביז ער טרעפט א קוויטל מיט א פדיון פון 20 דאלער וואס ער האט באקומען פון הרב החסיד **בנש״ק רבי ירמי׳** (בר״א) **טייטלבוים שליט״א**, ער נעמט עס אין די הענט און זאגט פארן גבאי׳ן:

״דו זעהסט, די צוואנציג דאלער פון רבי ירמי׳ איז מיר מער ווערד פון די גאנצע געלט וואס ליגט דא אויפן טיש...״

ז׳ שפג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה״ח ר׳ אברהם וואלף שטויבער הי״ו** מאנסי

## שעטנז לא יעלה עליך...

עס איז געווען אין די לעצטע יארן פון **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, ווען מיין ברודער הרה״ח ר׳ שלמה הערש הי״ו איז געקומען צו פארן פון אויסלאנד אינאיינעם מיטן הרה״ח ר׳ יחזקאל שלעזינגער הי״ו אויף פורים צום רבי׳ן, זיי האבן צוגעגרייט א פורים שפיל מיט ליצנותא דעבודה זרה, מיטן ציהל צו משמח זיין דעם רבי׳ן.

זיי האבן טאקע מצליח געווען, זיי האבן זיך פארשטעלט און אפגעזינגען חרוזים בפני הקודש, פון וואס דער רבי האט שטארק הנאה געהאט און געשמייכלט. דערויף זענען זיי צוגעגאנגען נעמען ברכת הקודש, איז געווען אינטערעסאנט ווי דער רבי האט ארויפגעלייגט ידיו הקדושות אויפן קאפ פון ר׳ יחזקאל, אבער ר׳ שלמה הערש האט ער נאר געגעבן די ברכה מיט די האנט און נישט געוואלט בענטשן אויפן קאפ. עס איז געווען א פלא.

שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט געהאט אנגעטון אויפן קאפ א רוסיש היטל, וואס האט געהאט שעטנז, עס האט זיך פארשטאנען אז דער רבי האט דאס מרגיש געווען און נישט געוואלט אנרירן דערצו.

ז׳ שפד) עס האט דערציילט
**כ״ק הרה״צ רבי מיכל׳ע מנתני׳ זלה״ה**

## דער כח פון א פורים רב

במשך די יארן פורים בסעודות שושן פורים בצל הקודש פון **כ״ק מרן רבינו הברך משה זלה״ה**, איז געווען כמה פעמים וואס **כ״ק הרה״צ חו״פ ר׳ יחיאל מיכל׳ע מנתני׳ זלה״ה** פלעגט ארויפגיין אויפן טיש און משמח זיין מיט מילי דבדיחותא.

אין איינע פון די יארן האט ער געזאגט אזוי: ״א פורים רב האט דאך א כח, ממילא וויל איך וואונטשן אז אלע ברכות וואס דער פורים האט געוואונטשן פארן רבי׳ן זאל מקוים ווערן״.

״איך וויל מיך דא פארשטעלן אז איך בין אויך א פורים רב, ווייל מ׳דערציילט אז **הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד** ז״ל האט אמאל געזאגט אז ער איז דער ׳פורים רב׳ אין ירושלים, ווייל די סיבה פארוואס מ׳נעמט אויף א פורים רב איז ווייל דער רב טרינקט וויין און ער איז עד דלא ידע, ממילא דארף מען האבן א ׳פורים רב׳ במקומו, און היות אין ירושלים איז דא א ׳רב׳ (קוק) וואס איז א גאנץ יאר שיכור, ממילא דארף מען האבן א פורים רב״.

האט רבי מיכל׳ע געזאגט ״איך בין אויך אזוי, איך וואוין אין נתני׳, דער רב אין נתני׳ איז א גרויסער ציוני, ער איז א גאנץ יאר שיכור, ממילא בין איך דער פורים רב, האב איך אויך א כח צו וואונטשן פארן רבי׳ן״.

ז׳ שפה) עס דערציילט אונז
**הגאון האדיר משיירי כנה״ג רבי אליקים שלעזינגער שליט״א**
ראש ישיבה הרמה

## אונזערע בני תורה וועלן זיך מוסר נפש זיין!

איך האב זוכה געווען צו מיטלעבן ווי אזוי די גדולי ישראל פונעם פריערדיגן דור האבן אנגעקוקט די מדינה הטמאה מתחילת התייסדותה, ממש פון די ערשטע מינוט אן.

איך קען אייך זאגן קלאר, ווען נישט די דריי אידן וואלט נישט געבליבן גארנישט... די דריי אידן: דער חזון איש, דער בריסקער רב, און דער סאטמארער רב.

דער חזו״א איז געווען דער איינציקער, וואס ממש גלייך אין אנהויב, ער האט געזעהן אז דאס איז א גזירה האט ער נישט מכיר געווען דערין. ער האט געברענט ״עס איז נישט קיין מדינה! עס איז נישט קיין מדינה! עס איז גארנישט! גארנישט! ס׳איז גארנישט!״.

איך געדענק, עס זענען געווען גדולי ישראל ממש וואס אין יענע תקופה האבן זיי געמאכט אן אנדערע חשבון, ׳אמת, ביז היינט האט מען זיך געשלאגן קעגן די ציונים, אבער יעצט עס איז איז דא א מדינה דארף מען פארשטיין ווי אזוי צו האנדלען, מ׳דארף דורכקומען׳... זיי האבן זיך נאכאמאל מיישב געווען, יא.

דער חזון איש האט אבער געשריגן איין זאך ״ס׳איז נישטא קיין מדינה! ס׳איז נישטא קיין מדינה! ס׳איז נישטא קיין מדינה!״.

פשט איז, אנדערע מיינען אז א מדינה איז אנדערש, ניין! א מדינה איז נישט אנדערש, ס׳איז נישט אנדערש! ער האט נישט מכיר געווען דעם מציאות.

דאס איז געווען פונעם ערשטן טאג פון די מדינה אנגעהויבן.

ב. צוויי זאכן איז געווען וואס ער האט געזאגט וואס מ׳האט נישט פארשטאנען אין די גאס.

איינס, איז געווען דאס ענין אז **״נישטא קיין מדינה, קוקט אין די גאס, עס איז גארנישט, נישטא קיין מדינה״**... דאס האט נאר פארשטאנען ווער עס האט אזוי געהאלטן. רוב האבן דאס נישט מקבל געווען, כ׳וועל נישט זאגן ווער, זיי האבן פארשטאנען ׳יא, עס איז דא א מדינה׳. זיי האבן דאס מיישב געווען.

די צווייטע זאך איז געווען, ביי גזירות פון עקירת התורה, האט ער געזאגט ״אונזערע בני תורה וועלן זיך מוסר נפש זיין״.

אזוי האט ער געזאגט קלאר **״אונזערע בני תורה וועלן זיך מוסר נפש זיין״**.

ג. עס איז ארויסגעקומען פונעם חזון איש אזוי פארשידענע זאכן וואס מ׳האט באשריבן...

כ׳ווייס אזויפיל, איך בין דאך שוין געווען אין לאנדאן, א יאר שפעטער בין איך געפארן באזוכן מיין טאטן ז״ל אין בני ברק, דער טאטע איז שוין געווען אין די לעצטע יארן, איך בין געווען דארט צוויי שעה אינדערהיים, קומען אריין פיר אינגעלייט, ׳חזון איש׳ מענטשן, און זיי

נתנדב ע״י הרה״ג ר׳ **ישראל העניך שעהר שליט״א** ר״מ בישיבה״ק • לע״נ אביו הרה״ח ר׳ **עזריאל** ב״ר **מרדכי** ע״ה • היארצייט **ח״י אדר**

זאגן מיר אזוי אויף דעם ספר וואס זיי האבן ארויסגעגעבן: "דו וועסט דא זעהן זאכן פונעם חזון איש וואס איז נישט ריכטיג, אבער מיר האבן פארשטאנען אזוי צו מאכן, ווייל מיר פארשטייען אז דאס איז בעסער לפי המצב", און זיי בעטן מיר אז איך זאל נישט מכחיש זיין... דאס האבן זיי געזאגט.

אויפמארגן האב איך גערופן צוויי אסיפות אין בני ברק, און איך האב אלס מכחיש געווען.

צוויי נקודות איז דא בעיקר וואס זיי האבן געוואלט משנה זיין, איינס בנוגע '**חינוך**', און די צווייטע בנוגע '**צבא**', בנוגע די מיליטער, מוז מען זיך משתעבד זיין, די צוויי זאכן האבן זיי געוואלט פארדרייען דעם מיינונג פונעם חזון איש.

ד. עס איז געווען יענע תקופה ווען זיי האבן געציילט (צענזוס), זיי האבן געוואלט יעדער זאל זיך 'מתפקד' זיין, מ'איז ארומגעגאנגען צו אדרעסן פון די שטובער, זיי האבן געשריבן די נעמען און די צאל איינוואוינער, מ'האט דאך נישט געוואוסט ווער און וויפיל די מענטשן זענען.

איך בין אריינגעקומען צום חזון איש דעמאלטס אינדערפרי, ער איז געווען אזוי פרייליך.

פרעג איך "פארוואס איז דער רב אזוי פרייליך?". זאגט ער מיר "די מפקדים זענען געווען ביי מיר, און איך האב זיי געזאגט **"איך בין א נטורי קרתא, און איך בין זיך נישט מתפקד"**.

נורא נוראות'דיקע זאכן, נורא נוראות. (משיח"ק להמערכת, א' מקץ תשפ"ה)

ז' שפו) עס האט אונז דערציילט

**כ"ק הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זלה"ה** אב"ד ור"מ שאפראן

## א רפואה, אבער נאר ווען דער רבי הייסט

אלס אינגערמאן פלעג איך דאווענען יעדן אינדערפרי אין סיגעטער ביהמ"ד אויף היוז סט. עס איז מיר אזוי אויסגעקומען דאס בעסטע. דער ערשטער זמן פון כולל איז געווען ווינטער, אז איך בין געווען ראש הכולל האב איך דאך זיכער געדארפט זיין דארט צייטליך ניין אזייגער, פלעג איך לויפן ביז ראדני סט. וואו עס איז געווען דער כולל, אינעם ביהמ"ד פונעם אמשינאווער רבי'ן ז"ל. איינמאל האב זיך זייער שטארק פארקילט, איך האב געהאט זייער א שווערן הוסט.

ווען דער רבי זלה"ה איז אהיים געקומען פון מיאמי, איז געווען פאר פורים, האט ער געהערט ווי איך הוס, האט ער מיך געפרעגט "פארוואס קומסטו נישט קיין מיאמי, עס איז דאך א רפואה?!".

האב איך געזאגט פארן רבי'ן "ווען דער רבי וואלט מיר ווען געזאגט איידער רבי איז געפארן, אבער אז דער רבי איז שוין געפארן..."

עס איז געווען א דרייסיג יאר שפעטער, איך האב געהאט א שטארקע 'קאלד', בין איך דאס ערשטע מאל געפארן קיין מיאמי. די ערשטע נאכט ווען עס איז שוין געווען טונקל בין איך געגאנגען שפאצירן ביים וואסער, איך האב אביסל שפאצירט, ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך שוין געשפירט ווי עס לאזט זיך שוין אויף. איך האב גערופן מיינע קינדער אז איך שפיר בחוש דעם רבי'נס ברכה אז מיאמי איז א רפואה. נאך עטליכע טעג בין איך אהיימגעקומען.

שפעטער האב איך מיטגעמאכט אויף די שדרה ל"ע - איך בין געפארן קיין מיאמי, מ'האט אלעס געטון אבער עס האט גארנישט געהאלפן. האב איך געזעהן אז אויף דעם האט דער רבי גארנישט געזאגט, דער רבי האט געזאגט אויפן הוסטן. דעם יעצטיגן ווינטער האט מען אויך געוואלט פארן, אבער איך האב נישט געוואלט. איך האב נישט געהערט פונעם רבי'ן גארנישט וועגן דעם אז עס זאל זיין א רפואה.

ז' שפז) עס דערציילט אונז

**כ"ק הגה"צ רבי יצחק ארי' ווייס שליט"א** אדמו"ר מהארדענקא

## שמש שמש איך תאירו...

עס איז געווען בעפאר שב"ק עקב תשל"ט, איז מיר אריין אין קאפ אז איך מוז פארן קיין אמעריקע. עס איז געווען נישט מער ווי זעקס וואכן פריער, אנהויב זומער ווען איך בין געווען אויף א שבת אין קרית יואל ביים רבי'ן, און דא האב איך געהאט די הרגשה אז איך מוז קומען נאכאמאל צום רבי'ן אויף שבת.

איך האב געטראכט צו מיר 'וואס האב איך יעצט צו זוכן אין אמעריקע?! ביז כ'האב געטראפן א תירוץ, מאנטאג איז געווען עפעס א חתונה פון א שוועסטער-קינד, נישט קיין חילוק די גאנצע השתלשלות.

איך בין דעמאלטס נישט געווען אין מאנטשעסטער, כ'בין געווען ערגעץ אויפן זומער, האב איך אנגערופן צום משב"ק ר' עזריאל גליק ז"ל דינסטאג פארנאכטס פר' ראה, און איך האב אים געזאגט אז איך וויל קומען קיין אמעריקע, אבער כ'ווייס נישט צי איך זאל קומען. האב איך אים געבעטן צי ער קען פרעגן דעם רבי'ן אז ער זאל זאגן חוות דעת קדשו איבער מיין קומען.

האט ער מיר געהייסן צוריק רופן שפעטער, ביי אונז איז שוין געווען באלד 12 אזייגער ביינאכט, אין אמעריקע איז געווען בערך מנחה מעריב, האט ער מיר געהייסן צוריק רופן נאך מנחה מעריב. אבער, איך בין געווען אויסגעמאטערט און כ'בין איינגעשלאפן, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט אינדערפרי איז שוין געווען ביים רבי'ן צו שפעט, און איך האב שוין נישט געקענט רופן.

אינצווישן האב איך געטראפן מיין ברודער (הגאון רבי חיד"ו שליט"א) כ'האב מיט אים איבערגעשמועסט, און איך האב מחליט געווען אז איך פאר צום רבי'ן.

איך בין אנגעקומען מיטוואך נאכמיטאג קיין מאנסי - להבחל"ח מיין טאטע ז"ל איז דעמאלטס דארט געווען א שטיק צייט - מיין ברודער שליט"א האט דעמאלטס געוואוינט אין מאנסי, האב איך פון מאנסי נאכאמאל גערופן צו ר' עזריאל.

פרעגט ער מיך 'פון וואו רעדט איר?' זאג איך 'פון מאנסי', זאגט ער מיר 'האסט גוט געטון, דער רבי האט געזאגט אז דו מעגסט קומען'.

שוין, בין איך געפארן קיין קרית יואל מיטוואך פארנאכטס, און כ'האב געשריבן א קוויטל ביי ר' יוסף אשכנזי, זאגט מיר ר' יוסף אזוי: הער מיך אויס, אז דו ווילסט דוקא וועל איך דיך אריינלאזן צום רבי'ן, אבער דער רבי שפירט נישט אזוי גוט, אז דו פאלגסט מיר, קום מארגן זיבן אזייגער אינדערפרי, ס'וועט זיין בעסער'.

איך האב אזוי געטון, עס זענען דארט געווען נאך אפאר מענטשן, נישט קיין מנין אפילו, כ'האב אויסגעווארט, איך בין געווען דער לעצטער אריינצוגיין, עס איז שוין געווען 7:30.

איך האב געגעבן מיין קוויטל פארן רבי'ן... עס איז געווען אנדערש ווי נארמאל, להבחל"ח, דער רבי האט מיך אנגעכאפט מיטביידע הענט, און ער האט אזוי געזאגט און געזאגט א שטיק צייט, כ'האב נישט געהערט וואס ער האט געזאגט. מ'האט נאר געהערט ווי רחושי מרחשון שפתי'.

כ'האב געטראכט אז דער רבי כאפט נישט געהעריג דאס אטעם... אבער כ'האב מיך נישט אריינגעמישט דארטן, איך גיי נישט פרעגן שאלות וואס דאס איז, איך בין דאך נישט געווען בעל הבית, שוין...

יענעם שבת בין איך נישט געווען ביים רבי'ן, נאר איך בין געווען אין מאנסי ביי מיין טאטן, ווייל איך בין דאך הערשט דארט געווען אויף א שבת מיט עטליכע וואכן בעפאר.

שוין, ווייסט דאך, מוצאי שב"ק האט מען אנגעהויבן צו זאגן תהילים...

זונטאג אינדערפרי, מיין ברודער **הגאון רבי חיים יוסף דוד שליט"א דומ"ץ סאטמאר–אנטווערפן** איז אהיימגעקומען פון שוהל אין מאנסי, איך בין געווען ביי איהם אין שטוב, ער זאגט מיר "מ'דארף שנעל נעמען א קאר און פארן קיין קרית יואל", וכך הוה, מיר זענען אנגעקומען קיין קרית יואל גלייך נאך די הסתלקות, ווען מ'האט נאך געקענט אריינפארן אין קרית יואל, און מיטהאלטן דעם ביטערן יום המר והנמהר.

איך געדענק אן עלטערער איד איז דארט געווען אזוי פארוויינט, און געזאגט "ווען דער שינאווער רב איז אוועק האבן מענטשן געזאגט דעם קומענדיגן טאג **"און די זון שיינט נאך אויף?!"...**

דאס איז געווען אונזער הרגשה, מיר זענען געווען אזוי זיכער אז דער רבי וועט אונז פירן קעגן משיח, מיר האבן נישט געהאט קיין ספק דערין.

אבער, איך האב געהאט די זכי' זיך צו געזעגענען מיטן רבי'ן אין די לעצטע טעג, מיטן רבי'ן הסכמה און הזמנה.

ז' שפח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' יחזקאל יואל סאמעט שליט"א**

## ער האט נישט געבלאזן...

איך האב געהערט פון הרב החסיד ר' יחזקאל הלוי ווערצבערגער ז"ל שו"ב פון טאראנטא, אז הרה"ק רבי **משה יוסף טייטלבוים** ז"ל בן מרן הגה"ק הייטב לב ז"ל, האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "ווען איך בין נאך געפארן קיין צאנז מיט מיין ברודער רבי ליפא (מרן הקדושת יו"ט ז"ל) האב איך שוין געוואוסט אז ער וועט זיין דער רבי ממלא מקום פונעם טאטן, און נישט איך".

"געווען איז דאס ווען מ'האט אריינגעברענגט די הייסע זופ, שיריים פונעם הייליגן רב, איך האב געבלאזן און געבלאזן און נישט געקענט עסן די הייסע זופ, ער האט פון זיך גארנישט געבלאזן, און ער האט געקענט עסן". והדברים עתיקין.

ב. איך האב געהערט פון מיין זיידן הרה"ח ר' חיים קליין ע"ה, אז דער **קדושת יו"ט** ז"ל איז געווען אין נאנאש, און ער האט דארט געהאט די אכסניא ביי זיין פעטער הרה"ח ר' פייש קליין ע"ה - דער זיידע פון משפחת פאגעל החשובה - האט ער דערציילט אז ווען דער קדושת יו"ט איז געווען ביי זיי אין שטוב האט ער גערעדט פון זיך הויכע מדריגות שלא כמנהגו.

הגליון נתנדב לכבוד מפעל קופת הצדקה והחסד "צדקת העיר קרית יואל" • לקראת "מתנות לאביונים קאמפיין תשפ"ה" •